בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**נט**
**פרשת במדבר תש"פ**

מכון
טעם
זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

ביים רבי'ן אויפן ציון - דארטן ווערסטו דערציילן

נישט גיין מיט 'שטארקייט'

ממלצת על הרחוקים לפני השי"ת

לא יבוזו לגנב כי יגנוב

כי מרחמם ינהגם

ועל ידי זה יוכל להשיבו בתשובה

בחכמה יבנה בית

אן א שאס פולוואר

מיט גוטן וואלט מען גיכער גע'פועל'ט

מה ראה - ארך אפים ראה

און איך הייל זי

מאן דאחיד מנא קרבא בידוי

אתה ישן - והוא ער לך

עד זיבולא בתרייתא

אחרי מות משה - עבד ה'

איך?! גלייך צום רבי'ן!

עולם התוהו

יפה שעה אחת

"גרויסע פינעף מינוט"

אויסגעקוועטשט פונעם קליינעם פינגער

"איצטער הערט ער"

ראש תוך וסוף...

מצוה שקבלו עליהם בשמחה

אלט טאר מען נישט זיין

אני היום ילדתיך

אל תבט אל מראהו

הנה עין ה' אל יראיו

בן ותלמיד

חצות לילה אקום

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 59

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

בס"ד

# פרשת לך לך (ב'), שנת תשל"ה

(טייפ מס' 57#)

## ביים רבי'ן אויפן ציון - דארטן וועסטו דערציילן

(באמצע שיחה בענין אופן התוכחה הראויה) איך געדענק ס'איז געווען איינער, דאכט זיך מיר בשעת ס'איז געווען דארט די גרויסע וועלט'ס קריג (מלחמת העולם הראשונה), דארטן דעם פערצעגטן יאר (למספרם), האבן זיך אסאך אויסבאהאלטן ביי אונז אין שול. איז געווען איינער וואס זיין זיידע איז געווען פון די ערשטע מקורבים אונזערע, און ער איז געווען זיינס אן אייניקל, און ער איז געווען שוין זייער ווייט - ער איז געווען זייער ווייט פון אידישקייט, און ער האט זיך אויסבאהאלטן ביי אונז.

אז ער האט זיך אויסבאהאלטן ביי אונז איז ער שוין געווארן דארטן אביסל א 'בעל תשובה', פלעגט ער זיך צוטשעפען צו מיר דארטן, האט ער נאר געוואלט מיר דערציילן זיין התנהגות, זאג איך אים: "ניין, **איך וויל נישט הערן! דערציילן - גיי ארויף צום רבי'ן אויפן ציון, דארטן וועסטו דערציילן! איך קען נישט הערן דיינע מעשה'ס!**".[א]

אוי, וואס ער פלעגט ארויפקומען צום רבי'ן אויפן ציון! אה אה אה, וואס ער איז געווארן - א יונגערמאן א תכשיט, א בעל תשובה!

מיר קענען נישט הערן און מיר קענען נישט זאגן! נאר וואס דען? דאס קען איך אים יא זאגן, "גיי צום רבי'ן אויפן ציון!", דאס האט שוין געמאכט, דאס האט שוין געארבעט!

❖

[א] עי' ברכות דף ל"ד ע"ב: חציף עלי מאן דמפרש חטאיה, שנאמר (תהילים ל"ב א') "אשרי נשוי פשע כסוי חטאה".

# נישט גיין מיט 'שטארקייט'

ס'איז געווען אמאל אין אומאן, מען פלעגט אין אומאן דאווענען א מנחה אינמיטן די וואך - אז ממש ס'איז געווען א געוואלד, מיט אזא מין התעוררות! איז אריינגעקומען אמאל איינער פון 'זוויניגראדקע', דאס איז א שטאט לעבן 'שפאלע', דארט איז געווען א שטאט פון מתנגדים, ער איז אריינגעקומען צו אונז אין שול אריין, און ער האט געהערט די מנחה, איז ער ארויס פון די כלים, ער האט נאך אין זיין לעבן נישט געהערט אזא מנחה, "אינמיטן די וואך אזא מנחה?!".

האט ער שוין געוואלט גיין צום רבי'ן אויפן ציון, קומט ער צו פרעגן: "וואו איז דעם רבי'נס ציון?", מען האט אים געוויזן דורכן שול. אז ער איז געשטאנען ביי די טיר, איז געשטאנען איינער פון אונזערע לייט, ער איז געווען א שארפער, (ואמר לו): "נו איצטער וועט איר שוין וויסן וואו דער 'שקר' איז?!", האט יענער געגעבן א שפיי און איז אוועק.

(אמרו לו אנ"ש:) "וואס האט איר געטוהן?!", א מענטש האט שוין געוואלט גיין צום רבי'ן אויפן ציון און ער האט דאך אים דערווייטערט, "וואס האסטו געטוהן?! פארוואס האסטו געדארפט זאגן די ווערטער?!".

ער איז טאקע געווען אן ערליכער איד, אבער ער האט אסאך מענטשן מרחק געווען מיט זיין שארפקייט - מיט זיין שטארקייט!

ער האט מענטשן מקרב געווען אויך, אבער אסאך מרחק געווען אויך!

פארוואס? ווייל דאס איז נישט אונזער וועג! נישט מיט דעם מאכט מען!

יענער איז א מתנגד, און ער איז אויך נישט שולדיג, גרויסע האבן גערעדט - איז ער א מתנגד, אבער ער קומט שוין אריין דא, און וויל שוין גיין אויפן ציון, דארפסטו אים אפשטעלן און זאגן אזעלכע ווערטער אז דו זאלסט אים מרחק זיין?!

❖

איך האב געזעהן ביי אונזערע לייט, גרויסע ערליכע אידן, זיי זענען געווען ווייט פון אלע תאוות, פון אלע זאכענישן, און זיי פלעגן מיט יענעם רעדן אזוי גוט, אז ער האט געמיינט ער איז יענעם א 'חבר', א 'גוטער ברודער' יענעם!

דארפן וואלט געדארפט זיין, אז וואס דער מענטש איז הייליגער קען ער דאך מער נישט ליידן יענעמ'ס נארישקייטן! זאל ער גיין מער מיט שטארקייט? ס'איז אבער פארקערט גאר! וואס דער מענטש איז פראסטער, און ער ליגט אויך ווי ער ליגט, ער גייט גאר אנטקעגן מיט 'שטארקייט'! און דער גדול גייט מיט אים גאר מיט גוטנ'ס! פארוואס? ווייל ער ווייסט מערער פון דעם אמת, אז נישט דאס איז דער וועג! נישט דאס איז דער וועג![ב]

❖

# ממלצת על הרחוקים לפני השי"ת

טאקע אין די תורה פון ס"ב - דעם שבת לערנט מען די תורה - ברענגט דער רבי דארטן צום סוף, אז די שכינה איז 'ממליץ טוב' אויף אידן, זאגט די שכינה אזוי: "מען ווייסט דאך נישט פון דיר נאר 'מגלוי על הסתום', די 'סתום' זעהט מען דאך גארנישט, די השגחה איז 'נעלם', נאר 'מגלוי' - אז השם יתברך ווייזט עפעס א מופת, עפעס א נס, 'מגלוי' ווייזט 'על הסתום'!".[ג]

"אז די 'העלמה' איז אזוי גרויס, און די התגברות פונעם 'גלות' איז אזוי גרויס, זעהט מען דאך 'בגלוי' גארנישט, פון וואנעט זאל מען וויסן 'על הסתום'?" - אזוי איז די שכינה ממליץ.

---

[ב] עי' ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ד' אות ט"ז: ... הַיְנוּ שֶׁיּוֹסֵף הָיָה טוֹב לַכֹּל, וְהָיָה כֻּלּוֹ טוֹב, וְעַל-יְדֵי זֶה הָיָה יָכוֹל לְקָרֵב הַכֹּל, כִּי מָצָא בְּהַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת, וְעַל-יְדֵי זֶה קֵרְבָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ... כִּי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת בְּעֹצֶם חָכְמָתוֹ מוֹרִיד אֶת עַצְמוֹ אֲלֵיהֶם כָּל כַּךְ, עַד שֶׁנִּדְמֶה כְּאִלּוּ עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה נַעֲרוּת, כִּי מְדַבֵּר עִמָּהֶם שִׂיחַת חֻלִּין, וְאוֹכֵל וְשׁוֹתֶה עִמָּהֶם, וּפְעָמִים מְטַיֵּל וּמְשַׂחֵק עִמָּהֶם, וְכָל כַּוָּנָתוֹ כְּדֵי לְקָרְבָם עַל-יְדֵי זֶה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְכַמּוּבָן בִּדְבָרָיו ז"ל בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת (לקו"מ ח"א סימן ס' ח"ב סימן ע"ח) כַּמָּה וְכַמָּה הַצַּדִּיק מוֹרִיד אֶת עַצְמוֹ אֶל הָעוֹלָם...

[ג] שם אות ו': ... הָאֱמוּנָה הִיא מַמְלֶצֶת עַל הָרְחוֹקִים לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרֵב אוֹתָם בְּצֵל כְּנָפָיו. וְזֶה הִיא מְלִיצָתָהּ: כִּי עִקַּר טָעוּתָם שֶׁל הָרְחוֹקִים מֵאֱמוּנַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מֵחֲמַת שֶׁעִקַּר יְדִיעַת אֱלֹקוּתוֹ אֵינוֹ אֶלָּא מִגָּלוּי עַל הַסָּתוּם. וּמֵחֲמַת שֶׁרוֹאִים מִגָּלוּי שֶׁהַנְהָגַת הָעוֹלָם הוּא עַל-יְדֵי מַעֲרֶכֶת הַמַּזָּלוֹת, נָפְלוּ בְּטָעֻיּוֹת כָּל אֶחָד לְפִי טָעוּתוֹ. וְיֵשׁ חוֹשְׁבִים שֶׁהַכֹּל עַל פִּי הַטֶּבַע, עוֹלָם כְּמִנְהָגוֹ נוֹהֵג ... וּכְשֶׁהַצַּדִּיק מְבַטֵּל בִּתְפִלָּתוֹ אֵיזֶה חִיּוּב שֶׁל מַעֲרֶכֶת הַמַּזָּלוֹת, אֲזַי נִתְיַדַּע מֵהַגָּלוּי עַל הַסָּתוּם, שֶׁיֵּשׁ אֱלֹקַי נִמְצָא, שֶׁהוּא שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת הַצַּדִּיק, וּמְשַׁדֵּד הַמַּעֲרָכוֹת וּמְשַׁנֶּה הַטֶּבַע...

דער רבי רעדט אין די תורה: "כי כמוך כפרעה" - 'פרעה' איז א לשון 'אויפדעקן', 'כי כמוך' - פון דיר ווייסט מען דאך נאר 'כפרעה' - ווערליג דאס 'התגלות', ווען דו ווייזט דיך ארוים - אזוי ווייסט מען דאך פון דיר, אבער אז דו ביסט 'נעלם' ווייסט מען נישט! - איז די שכינה ממליץ טוב פאר אידן: "רבונו של עולם, ווייז ארוים עפעס א 'התגלות', ווערן דאך אלע לויפן! אלע ווערן דאך נאכלויפן נאך דיר!"[ד]

'משכני' - גיב אונז א 'צי', 'אחריך נרוצה' - מען וועט לויפן, מען וועט דאך פליען נאך דיר! עפעס א 'צי'!

דאס איז דאך געוואלדיג, דער רבי ברענגט אין די תורה דעם 'לימוד זכות' וואס די שכינה איז ממליץ אויף אידן, דאס איז דאך א געוואלדיגע זאך.

דאס קען מען אפשר רעדן צום אויבערשטן דיבורים: "רבונו של עולם ווייז עפעס! ווייז עפעס, ווייז עפעס, וועסטו זעהן אז אלע אידן ווערן לויפן נאך דיר, מען וועט לויפן, מען וועט אוועקווארפן!

די אלע אפיקורסים, גיב זיי עפעס א ווייז - שוין שפרינגען זיי אוועק, לויפן שוין נאך נאכן אויבערשטן!"[ה] די "בעל תאוה'ניקעס" - גיב זיי עפעס א ווייז! שוין לויפן זיי נאכן אויבערשטן!

דער אויבערשטער ווייזט איצטער אויך, נאר פונדעסטוועגן - די 'השגחה' איז זייער 'נעלם', ער ווייזט זאכן און ס'איז שוין 'נעלם' אין א 'טבעיות', מען טוהט שוין אריין אין 'דרך הטבע', די גאנצע התחזקות איז מ'זאל נישט אריינלייגן אין 'דרך הטבע', דער אויבערשטער פירט די וועלט 'בהשגחתו יתברך', מען זאל נישט מלביש זיין 'בדרך הטבע'.

אינגאנצן דער 'יצר הרע' איז נאר יונק וואס ער איז אלץ מלביש אין 'דרך הטבע'.

❖

---

[ד] שם: וְזֶה וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה, דָּא תִּקְרֻבְתָּא דְּמַלְכָּא לְמַלְכָּא. וַיֹּאמֶר אֵלָיו בִּי אֲדוֹנִי, שֶׁהַשְּׁכִינָה מְבַקֶּשֶׁת רַחֲמִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עַל אֵלּוּ הָרְחוֹקִים ... כִּי כָמוֹךָ כְּפַרְעֹה, פַּרְעֹה, לְשׁוֹן הִתְגַּלּוּת. כִּי אַתָּה אֵינְךָ יָדוּעַ לִבְנֵי אָדָם אֶלָּא מֵהַגָּלוּי, וּמֵחֲמַת שֶׁאֵינְךָ יָדוּעַ אֶלָּא מֵהַגָּלוּי, לְפִיכָךְ טָעוּ כָּל אֶחָד לְפִי טָעוּתוֹ. אֲבָל כְּשֶׁאַתָּה מְבַטֵּל רְצוֹנְךָ בִּשְׁבִיל רְצוֹן הַצַּדִּיק, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ ז"ל, 'הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא גּוֹזֵר וְצַדִּיק מְבַטֵּל'. אֲזַי יֵדְעוּ מֵהַגָּלוּי עַל הַסָּתוּם...

[ה] עי' שיש"ק [הנדמ"ח] ח"ב, ערך משיח - אות רמ"ה.

# לא יבוזו לגנב כי יגנוב

א פסוק איז דא, שלמה המלך זאגט:[1] "**לא יבוזו לגנב כי יגנוב, למלא נפשו כי ירעב**", פארשעם נישט דעם גנב אז ער גנב'עט, ווייל ער איז הונגעריג!

וואס זאגט שלמה המלך? ער מעג גנב'ענען?! מען איז נישט עובר א לאו אין די תורה אז מען גנב'עט, אפילו מ'איז הונגעריג?! ניין, ער איז עובר א לאו אין די תורה, און דו פארשעם אים נישט! אז ער גנב'עט ווייל ער איז הונגעריג זאלסטו אים נישט פארשעמען!

מען טאר נישט גנב'ענען, ער איז נישט ממליץ אז "ער מעג גנב'ענען", אבער דו פארשעם אים נישט! רעד מיט אים אזעלכע דיבורים (להחזירו בתשובה בדרכי נועם).

זיי דערציילן דא פון דעם 'בערמאן', "בערמאנ'ס בעקעריי", 'יחיאל' (גרינוואלד) דערציילט מיר אז איינער איז געווען ביים פאטער, דער אלטער פאטער זייערער, האט ער געזעהן - דער וואס פירט די ברויט - אז אלע טאג גייט איינער צו און נעמט ארויס צוויי ברויט! האט ער דערציילט דעם אלטן - דעם בעל-בית.

זאגט ער אים אזוי: "דו נעם, טראג אים אריין אין שטוב אריין צוויי ברויט, וועסטו זעהן צו ער וועט נאך נעמען, צו נישט!", האט ער מער נישט גענומען!

אלע טאג האט ער אים אריינגעטראגן צוויי ברויט אין שטוב, אלע טאג, א איד מיט קליינע קינדער, ער האט נישט געהאט, האט ער גענומען!

האט ער געזאגט "טראג אים אריין אין שטוב אריין אלע טאג צוויי ברויט", האט ער אויפגעהערט צו נעמען.

ער איז געווען א פשוט'ער מענטש דער אלטער בערמאן, אבער א גוטע זאך איז עס! האט ער מקיים געווען דעם פסוק "לא יבוזו לגנב כי יגנוב"!

גנב'ענען דאס טאר מען נישט, אבער פארוואס האט ער עס געטוהן? ווייל אין שטוב האט ער נישט געהאט, האט ער גענומען צוויי ברויט! האט ער אלע טאג אריינגעשיקט צוויי ברויט! - איך בין נתעורר געווארן פון דעם, קעגן דעם רבי'נס זאך - -

[1] משלי ו' ל'.

❖

# כי מרחמם ינהגם

דער אמת'ער צדיק איז אזא מין 'רחמן', דער רבי זאגט "כי מרחמם ינהגם"![ז] האבן אונזערע לייט אזוי געזאגט: דער צדיק - ער האלט אין איין זוכן דעם אויבערשטנ'ס רחמנות, דאס הייסט ער איז תמיד עוסק נאר זוכן דעם אויבערשטנ'ס רחמנות!

דאס איז נישט פשט - סתם ער איז א 'רחמן', (נאר) 'זיין זאך' איז - נאר מעורר זיין רחמנותו יתברך!

ער איז תמיד א רחמן, תמיד דערוועקט ער נאר די רחמנות פונעם אויבערשטן, דאס איז זיין זאך, ער קען זיין א 'מנהיג'!

יעדן איינעם איז ער 'דן לכף זכות' - ער איז דאך א 'רחמן' - ער זוכט פון וואנעט ער איז געקומען דערצו? פון וואנעט האט זיך גענומען דאס? פארוואס טוהט ער דאס?![ח]

דער רבי ברענגט דאס אין שיחות הר"ן,[ט] "מעביר ראשון ראשון", די 'ערשטע זאך' - פון וואנעט האט זיך גענומען דער חטא?! דער אויבערשטער איז "מעביר ראשון ראשון", ממילא איז דאך שוין אלע זאכן וואס נעמט זיך פון דעם - (נתכפרים לו).

דער אמת'ער צדיק ווייסט פון וואנעט ס'האט זיך גענעמען יעדע זאך, פון וואנעט דער 'אנהויב' איז געווען, קען ער אים א טובה טוהן אין שורש אריין, ס'זאל טאקע נוגע זיין דעם 'ראשון ראשון'!

'מיר' ווייסן דאך דאס נישט, אבער על-כל-פנים דארפן מיר גיין 'במידותיו'.

---

[ז] תו' ז' תניינא, עפ"י ישעי' מ"ט.

[ח] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' א' אות י"ד ענין "מקומו של עולם", ועי' בליקוטי הלכות הל' ערלה ד': ...כִּי מֵחֲמַת שֶׁהֵם יוֹדְעִים שָׁרְשֵׁי כָּל הַנְּשָׁמוֹת, וְהֵם בִּבְחִינַת מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם, וְהֵם יוֹדְעִים מְקוֹם כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִתְּחִלָּה וְעַד סוֹף, הֵם יוֹדְעִים לָדוּן הַכֹּל לְכַף זְכוּת...

[ט] אות פ"ט: דַּע שֶׁיֵּשׁ חֲבִילוֹת חֲבִילוֹת שֶׁל עֲבֵרוֹת רח"ל, כִּי 'עֲבֵרָה גּוֹרֶרֶת עֲבֵרָה', הַיְנוּ כְּשֶׁאָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה ח"ו אֲזַי עֲבֵרָה רִאשׁוֹנָה גּוֹרֶרֶת אוֹתוֹ לַעֲשׂוֹת עֲבֵרוֹת אֲחֵרוֹת ... בִּבְחִינַת "אֵל מֶלֶךְ יוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא רַחֲמִים וְכוּ' מוֹחֵל עֲווֹנוֹת עַמּוֹ מַעֲבִיר רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן". הַיְנוּ שֶׁעַל־יְדֵי הַשְּׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת שֶׁל רַחֲמִים מַעֲבִיר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא עֲבֵרוֹת הָרִאשׁוֹנִים שֶׁבְּכָל חֲבִילָה וַחֲבִילָה וַאֲזַי שְׁאָר הָעֲווֹנוֹת שֶׁבַּחֲבִילָה שָׁבִים אֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ...

זאגט די גמרא דארטן: מען דארף זיך באהעפטן אינעם אויבערשטן! זאגט די גמרא: ווי קען מען זיך באהעפטן אינעם אויבערשטן, דער אויבערשטער איז דאך 'פייער', 'אֵש'!?[י]

"מה הוא חנון אף אתה חנון, מה הוא רחום אף אתה רחום!",[יא] דער אויבערשטער איז א 'רחום' - זיי אויך א 'רחום', ער איז א 'חנון' - זיי אויך א 'חנון'!

ס'איז געווען אמאל, מען האט צונויפגענומען אמאל געלט פאר 'הכנסת כלה' ביי אונז דארט, האט ער אויך געזאגט דאס דאזיגע: "דער אויבערשטער איז דאך 'אבי יתומים' - א כלה א 'יתומה', דארפן מיר אויך מדבק זיין אין זיינע מדות!".

דער אויבערשטער איז א 'רחום', ער איז א 'חנון', מען זעהט אז דער אויבערשטער איז נישט מאבד די וועלט, ער האלט אויף די וועלט, ער איז 'דן לכף זכות', און אלעם, 'הדבק במידותיו' - גיי אויך מיט די מידה!

דער אמת'ער צדיק - ער איז א 'רחמן'! פלעגן אונזערע לייט טייטשן: 'רחמן' - ער איז תמיד עוסק אין רחמנות! נישט פשט - ער איז א 'רחמן' ווען ס'קומט פאָר איז ער רחמן, נאר ער איז תמיד נאר עוסק אלע טאג מער מעורר זיין רחמי השם יתברך, זיין זאך איז נאר דערוועקן די רחמים פון דעם אויבערשטן, און דערמיט האלט ער די גאנצע וועלט!

❖

# ועל ידי זה יוכל להשיבו בתשובה

דערפאר האט דער רבי געזאגט טאקע אז "וואו עפעס א הרהור תשובה נעמט עס זיך פון מיר"!

---

[י] עי' מס' כתובות דף קי"א ע"ב.

[יא] עי' מס' שבת דף קל"ג ע"ב.

דער רבי זאגט אין די תורה פון "אזמרה לאלקי בעודי":[יב] "ועל ידי זה יוכל להשיבו בתשובה!", - אז ער איז אים דן לכף זכות, 'אזמרה לאלקי בעודי', קען ער טוהן תשובה!

קומט אויס אזוי, אז דער רבי איז דן די גאנצע וועלט 'לכף זכות' - איז יעדער איינער האט זיך א וועג צו טוהן תשובה!

כאטש איך זעה אים נישט, איך ווייס נישט ווער ער איז, אז איך בין דן די גאנצע וועלט 'לכף זכות', אפילו דעם גרעסטן בעל עבירה - 'לכף זכות', קען ער 'דארטן' טוהן תשובה!

איך מאך אים נישט אוועק אינגאנצן, אז איך מאך אים אוועק פארשלים איך אים די טיר פון תשובה, איך לאז נישט אז ער זאל טוהן תשובה!

איז ממש רעכט - "וואו עפעס א הרהור תשובה נעמט עס זיך פון מיר!", פארוואס? ווייל איך בין דן די גאנצע וועלט 'לכף זכות', האט ער א וועג פון תשובה, קען ער טוהן תשובה!

❖ ❖ ❖

# בחכמה יבנה בית

(השואל: דער רבי ברענגט אין א תורה, מען זאל נישט בויען א נייעם בנין, "העוסק בבנין מתמסכן", נו אז איינער גייט אין א נייעם פלאץ?)[יג] זיי זאגן אז אין 'ארץ ישראל' האט ער יא געלאזט, צוליב 'ישוב ארץ ישראל'!

דער רבי האט נאר געמיינט אין 'חוץ לארץ' - דאס וואס דער רבי האט געהאלטן מען זאל נישט בויען, אבער אין 'ארץ ישראל' וועגן 'ישוב ארץ ישראל' מעג מען יא בויען!

---

[יב] תו' רפ"ב בליקוטי מוהר"ן, עיי"ש.

[יג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רס"ו, עפ"י גמ' סוטה דף י"א. ועי' ספר המדות - ערך ממון, אות ס"ג. ועי' גם שיחות הר"ן אות ס', וחיי מוהר"ן אות נ"ז.

(השואל: אין חוץ לארץ האבן טאקע אונזערע לייט אכטונג געגעבן אז מען האט געוואלט בויען א שול?) א 'שול' יא! מען רעדט דאך א 'שטוב', מען פלעגט קויפן גרייטע שטיבער, מען האט נישט אליין געוואלט בויען!

ס'איז געווען א איד 'רבי מרדכי באברינيצער ע"ה', אז דער זוהן 'ישראל' איז געווארן א גביר, [איך בין געווען ביי אים אין שטוב דארטן, אזוי פראסט (בית פשוט) געווען, היינט אן ארימאן פון ירושלים וואוינט שענער ווי אים...], האט ער צוגעגרייט שטיינער אויף צו בויען א שטוב.

ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט תמיד קומען קיין באברינייץ, איז ער געווען ביי ר' מרדכי'ן, זעהט ער ס'ליגט עפעס שטיינער, זאגט ער, "וואס איז די שטיינער?", זאגט אים מרדכי: "מיין ישראל וויל בויען א שטוב!", האט א זאג געגעבן ר' אברהם ר' נחמן'ס: **"איינער 'ר' אברהם בערניו'[יד] האט געפאלגט דעם טאטן, ער האט נישט געבויעט!"** אזוי האט זיך אנגערופן ר' אברהם ר' נחמן'ס.

ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט זאגן אמאל א ווארט, האט ער יענעם אריינגעשאסן, ער האט נאר איין ווארט געזאגט.

האט מיר מרדכי נאכדעם דערציילט, בשעת ר' אברהם האט געזאגט דאס ווארט, 'איינער' ר' אברהם בערניו האט געפאלגט דעם טאטן - ער האט נישט געבויעט, זאגט ער - האט ער אים אזעלכע ווערטער אריינגעשאסן אז ער האט פארקויפט די שטיינער און ער האט נישט געבויעט!

אזוי פלעגט מען טוהן, מען פלעגט קויפן א גרייטע שטוב, נישט בויען. (השואל: פאררעכטן?) פאררעכטן יא, אבער בויען א שטוב האט מען זיך געהיט, א בית המדרש יא, א שול יא!

און נאך, דער רבי זאגט דאך אין די תורה פון רס"ו, זאגט דער רבי דארטן אז 'סוכה' (היא שמירה על הבית). אז איינער האט געבויעט א שטוב האט ער געמאכט א סוכה, א חדר פאר א סוכה, א סוכה איז דאך שוין א תיקון צום בויען!

פלעגט מען שוין בויען א סוכה, איז שוין געווען גרינגער, האט מען שוין געקענט בויען.

---

[יד] בנו של אדל בת רביז"ל, וממקורביו החשובים של מוהרנ"ת ז"ל.

❖ ❖ ❖

# אן א שאס פולוווער

מיר האבן דא גערעדט אסאך פון די רחמנות פון דעם אמת'ן צדיק, וואס ער איז יעדן איינעם 'דן לכף זכות', ער איז תמיד א רחמן, ער איז תמיד 'מעורר רחמיו יתברך', זיין זאך איז נאר מעורר זיין דעם אויבערשטנ'ס רחמנות, דערמיט וואס ער איז דן די גאנצע וועלט לכף זכות.

דער רבי האט געזאגט, "וואו עפעס א הרהור תשובה, נעמט עס זיך פון מיר!", אז ער איז דן די וועלט לכף זכות, קען די וועלט טוהן תשובה!

אז איינער ווערט נתעורר מיט א הרהור תשובה, נעמט זיך עס דערפאר ווייל מען איז אים 'דן לכף זכות', ממילא קען ער טוהן תשובה.

מיר דארפן זיך מדבק זיין במידותיו, אויך פירן זיך אזוי, נישט גיין איינער מיטן צווייטן מיט קיין 'רוגזה', נישט רעדן אפילו קיין הויכערווארט!

**איך האב געהערט אין אומאן, טאמער האט מען גערעדט הויך, "אה, דו שיסט שוין פולווער?!", ביי אונזערע לייט, אז איינער האט גערעדט אמאל אביסל העכער,** (אמרו לו:) **דו שיסט שוין פולווער! "קיין איין פולווער נישט אויסשיסן!"** (- כך אמר רבינו).[טו]

❖

# מיט גוטנס וואלט מען גיכער גע'פועל'ט

**דער רבי האט אזוי געזאגט: "מיט בייזנס פועל'ט מען נישט! טאמער פועל'ט מען אמאל יא מיט 'בייזנס', וואלט מען דאס מאל מיט 'גוטנס' גיכער גע'פועל'ט!".**

---

[טו] עי' שיש"ק [הנדמ"ח] ח"ג אות רמ"ב: "אַז מָשִׁיחַ וֶועט אָפּנֶעמֶען דִי גָאר וֶועלְט וֶועט עֶר נִיט אוֹיסְשִׁיסְן קַיין אֵיין פִּילְוֶוער". והוא עפ"י ליקוטי מוהר"ן תו' ב' "כי עיקר כלי זיינו של משיח הוא התפלה" וכו'.

האט דער רבי געזאגט א 'כלל', "מיט בייזנס פועל'ט מען נישט, טאמער פועל'ט מען אמאל יא, וואלט מען דאס מאל מיט גוטנס גיכער גע'פועל'ט! - קומט אוים עפעס א כלל דא!

עס שטייט אין חיי מוהר"ן, אז דער רבי האט אזוי געזאגט:[טז] **"איידער די זאך קומט אויף דער וועלט, קען מען זיך באגיין אן די זאך, אז די זאך איז שוין דא** - דער 'צדיק' - **מוז מען** (אנקומען צו דעם צדיק)**!".**

איידער דער רבי איז געקומען אויף דער וועלט, האט מען געקענט אפשר פירן א שטוב מיט בייזנס אויך, אז דער רבי איז שוין דא, מוז מען שוין פירן א שטוב מיט גוטנס!

איי, דיר ווייזט דאך אוים אז גוטנס העלפט נישט? בעט דעם אויבערשטן, וועסטו זעהן אז גוטנס העלפט יא! פארוואס ווייזט אים אוים אז ער מוז גיין מיט בייזנס? ווייל ער האט נישט קיין 'סבלנות'! דער רבי זאגט אין די תורה פון 'ארך אפים',[יז] דער עיקר איז 'אריכת אפים' - -

❖

# מה ראה - ארך אפים ראה

(השואל: דער רבי האט געזאגט, אז ווען ער איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל האט ער נישט געהאט קיין שום קפידה, 'אפילו להמתנגד גדול ביותר'),[יח] אפילו א 'הקפדה בלב', האט ער זוכה געווען דורך 'ארץ ישראל'! נישט האבן קיין הקפדה בלב.

---

[טז] עי' חיי מוהר"ן אות רצ"ט: עָנָה וְאָמַר, קֹדֶם שֶׁנִּמְצָא הַצַּדִּיק הָאֱמֶת בָּעוֹלָם, יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵעַצְמוֹ. אֲבָל אַחַר שֶׁכְּבָר נִמְצָא הַצַּדִּיק הָאֱמֶת בָּעוֹלָם, אִי אֶפְשָׁר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת בְּשׁוּם אֹפֶן כִּי־אִם כְּשֶׁזּוֹכִין לְהִתְקָרֵב אֵלָיו. וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "אֵיי סֶע אִיז פַּאר הַאנֶין עֶפֶּעס אַזַאךְ, קֶען מֶען וְכוּ', נִישְׁמֶער אַז סֶע אִיז שׁוֹין פַּאר הַאנֶין, קֶען מֶען אַנְדֶערְשׁ נִיט זַיין אֵיין יְהוּד, סַיידְן מֶען אִיז זִיךְ צוּ אִים מְקָרֵב"...

[יז] ליקוטי מוהר"ן תו' קנ"ה: שֶׁכָּל זֶה הוּא בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם, שֶׁזּוֹכִין עַל־יְדֵי אֱמוּנָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת כֹּחַ הַגּוֹדֵל וְכֹחַ הַצּוֹמֵחַ, כִּי עַל־יְדֵי־זֶה הוּא גָּדֵל וְצוֹמֵחַ וּמַצְלִיחַ בַּעֲבוֹדָתוֹ, כִּי לֹא יוּכַל לְבַלְבְּלוֹ שׁוּם מוֹנֵעַ וכו' ...

[יח] עי' שבחי הר"ן אות כ"ב: ... רַק בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שָׁם זָכָה לָזֶה שֶׁנִּתְבַּטֵּל הַכַּעַס בְּתַכְלִית הַבִּטּוּל, וְזָכָה וְנַעֲשָׂה טוֹב מַמָּשׁ, וְלֹא נִשְׁאַר בּוֹ שׁוּם צַד קְפִידָא בְּעָלְמָא, עַד שֶׁאַחַר־כָּךְ אֲפִלּוּ מִי שֶׁהָיָה עוֹשֶׂה לוֹ כָּל הָרָעוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, לֹא הָיָה בְּלִבּוֹ שׁוּם צַד שִׂנְאָה וּקְפֵדָא עָלָיו ... וּכְבָר מְבֹאָר בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים תּוֹרָה עַל זֶה, שֶׁדַּיְקָא בְּאֶרֶץ־

דער רבי טייטשט אריין,[יט] "מה ראה - ארך אפים ראה", וואס מיינט די גמרא פשוט 'ארך אפים ראה'? דער אויבערשטער האט דאך אים געוויזן, דו וועסט נישט קומען אין 'ארץ ישראל', "מה ראה להתפלל כל התפילות?", נאר ער האט געזעהן אז דער אויבערשטער איז אן 'ארך אפים', האט ער זיך פארלאזט אויף די זאך.

דער רבי טייטשט אנדערש, ער האט געזעהן אז דארט איז מען זוכה צו 'אריכת אפים', און דאס האט אים געפעלט, דארטן ביי 'מִדְיָן' דארטן, און 'הכאת הצור', איז געווען א חסרון אין 'אריכת אפים', האט ער געזעהן אז דארטן - (איז מען זוכה דערצו), און די זאך פעלט אים נאך!

וואס האט ער געזעהן? דער אויבערשטער זאגט 'ושמה לא תבא'!? דער תירוץ איז: (ראה) דארטן איז מען זוכה צו 'אריכת אפים', און זיין פגם איז נאר געווען ווייל ער האט נישט געהאט 'אריכת אפים', דערפאר האט ער אזוי געברענט קיין 'ארץ ישראל'!

אבער מיר זענען דאך יא אין 'ארץ ישראל', דארף מען דאך האבן 'אריכת אפים'!

וואס הייסט 'אריכת אפים'? נישט וועלן יענעם געבן איבערן קאפ, נישט וועלן יענעם זאגן שטארק!

און 'זיך אליין' אויך, מען דארף אויף זיך אויך האבן 'אריכת אפים'! ווארום דער בעל-דבר שווייגט נישט, ווען איינער וויל טוהן אין אידישקייט שווייגט ער אוודאי נישט, ער האקט אים, ער גיט אים גוטע קלעפ!

❖

---

יִשְׂרָאֵל זוֹכִין לִבְחִינַת זוֹ, שֶׁהוּא בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם, הֶפֶךְ כַּעַס וַחֲרוֹן אַף. וְשֶׁבִּשְׁבִיל זֶה נִתְאַוָּה מֹשֶׁה רַבֵּנוּ לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וַיְמַהֵר מֹשֶׁה וַיִּקֹּד אַרְצָה" וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל: 'מָה רָאָה - אֶרֶךְ אַפַּיִם רָאָה' וְכוּ' עַיֵּן שָׁם.

[יט] שם בליקוטי מוהר"ן תו' קנ"ה, עיי"ש.

# און איך הייל זי

- דער רבי ברענגט דארטן אין די מעשה פון 'זעקסטן טאג',[כ] "און זי שטייט לעבן דעם וואסערדיגן שלאס - שיסן מיט אלע צען ערליי פיילן", מ'האט אריינגעשאסן "אלע צען ערליי סמים".

רבי נתן ברענגט אין א הלכה דארטן, פון 'קריעת ים סוף',[כא] אויף דער מעשה, זאגט ער דארט אזוי: די אידן זענען דאך אריבער דעם ים, און זיי האבן געווארפן די 'בליסטראות' דארטן, די 'פיילן', געווארפן אויף אידן, און די אידן זענען אריבער דער ים.

ברענגט רבי נתן דארטן, ער ברענגט פונעם אר"י הקדוש, אז די 'אפיקורסות' וואס איז געלעגן אין די פיילן, דאס איז געבליבן! דערפאר האבן אידן אזוי פיל געפרואווט דעם אויבערשטן אין מדבר, דאס איז אלץ געווען פון די 'בליסטראות', פון די 'סמים' וואס די מצריים האבן אריינגעווארפן אין אידן!

דאס איז אויך דאס אייגענע, דער 'סמ"ך מ"ם' האקט אריין פיילן, נאר וואס דען - (מ'איז אריינגעלאפן אין) וואסערדיגן שלאס, ער ווערט נישט דערטרונקען, אבער די פיילן ליגן - "**און איך הייל זי!**".

ס'ענדיגט זיך טאקע, "**כי אני ה' רופאיך!**" (אחר שירת הים).[כב]

---

[כ] ספר 'סיפורי מעשיות', מעשה י"ג מהז' בעטלערס.

[כא] עי' ליקוטי הלכות הל' תולעים ד' אות ד': ... זֶה בְּחִינַת וַיִּסַּע מַלְאַךְ הָאֱלֹקִים וְכוּ' וַיֵּלֶךְ מֵאַחֲרֵיהֶם. וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י, שֶׁקִּבְּלוּ כָּל הַחִצִּים וְאַבְנֵי בְּלִסְטְרָאוֹת שֶׁל הַמִּצְרִים. וְאַף-עַל-פִּי שֶׁמַּלְאַךְ הָאֱלֹקִים, שֶׁהִיא הַשְּׁכִינָה, קִבְּלָה הַחִצִּים וְעַל-יְדֵי-זֶה נִצְּלוּ יִשְׂרָאֵל וְעָבְרוּ הַיָּם בְּשָׁלוֹם, **אַף-עַל-פִּי-כֵן** הָאֶרֶס שֶׁל הַחִצִּים שֶׁל הַמִּצְרִים הִגִּיעוּ לְיִשְׂרָאֵל וְהִזִּיק לָהֶם ... שֶׁהֵם כְּלַל כָּל הַכֹּחוֹת שֶׁל הַקְּלִפּוֹת וְחֵילוֹת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁזּוֹרְקִין אֶרֶס חִצֵּיהֶם לְנַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל, שֶׁמִּשָּׁם בָּאִין כָּל הַכְּפִירוֹת וְהַסְּפֵקוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַמְּנִיעוֹת וְהַתַּאֲווֹת רָעוֹת וְכָל הַמְּסַכִים וְהַמַּפְסִיקִים וְהַמְעַכְּבִים מִלְּהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ, הֵן כָּל אֶחָד וְאֶחָד בִּפְרָטִיּוּת, הֵן בִּכְלָלִיּוּת יִשְׂרָאֵל מַה שֶּׁהַגָּלוּת מִתְאָרֵךְ כָּל כָּךְ, הַכֹּל נִמְשָׁךְ מִבְּחִינַת הָעֲשָׂרָה מִינֵי חִצִּים הַנַּ"ל ... וְה' יִתְבָּרַךְ נוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ וְנוֹתֵן לָהּ כֹּחַ לִסְבֹּל מְרִירוּת הַחִצִּים עַל-יְדֵי כֹּחַ הַתּוֹרָה, עַד שֶׁסּוֹף כָּל סוֹף יָבוֹא **הָרוֹפֵא** הָאֱמֶת, שֶׁהוּא זֶה שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ בְּיָדָיו, **וִירַפֵּא אוֹתָהּ** בִּשְׁלֵמוּת כַּנַּ"ל...

[כב] עי' ליקוטי הלכות הל' פסח ח' אות ו'.

"און **איך הייל זי**"! אז מען זאל נישט ווערן דערטרונקען - דאס איז דער אויבערשטער א משגיח, אז מען זאל נישט ווערן דערטרונקען אינגאנצן, אבער די פיילן האקט ער אריין, "און איך הייל זי", דער אמת'ער צדיק - "און איך הייל זי".

דער עיקר 'פיילן' איז די דאזיגע פיילן פון 'פגם הברית',[כג] "און איך הייל זי"!

דער 'איך הייל זי', איז נישט פשט - א גשמיות'דיגע רפואה, ער נעמט דארטן א רפואה און שוין, דאס איז אזא 'היילן' וואס מען דארף אלע יארן האלטן אין איין היילן!

❖

# מאן דאחיד מנא קרבא בידוי

רבי נתן ברענגט דארטן:[כד] "**מאן נצח, מאן דאחיד מאנא קרבא בידוי**", קעגן אז ס'קומט דארטן 'סוכות', זאגט דער זוהר הקדוש: 'ראש השנה', 'יום כיפור', אידן שרייען צום אויבערשטן, ווער איז דער נוצח המלחמה? זאגט דער זוהר הקדוש, אז ס'קומט דארטן 'סוכות', ער האלט די 'מנא קרבא' - דעם 'אתרוג' מיטן 'לולב', ער איז מנצח!

רבי נתן טייטשט עס אריין אזוי: וואס איז 'מאן נצח', ווער איז מנצח? וואס הייסט "ווער איז מנצח"? אן אנדערע מלחמה, א יאר צוויי דריי (ואחר כך בא הנצחון, אבל כאן -) ווער איז מנצח דער מלחמה? אז 'אלע יארן' איז דער יצר הרע קריגט, ווער איז מנצח? "מאן דאחיד מנא קרבא" דער איז מנצח! טאמער הערט ער אויף אפילו אויף דער עלטער (שאינו עומד בקשרי המלחמה, אז לא ניצח עדיין)!

די גמרא דערציילט אויף איינע פון די אמוראים, ער האט געזאגט אז אויף דער עלטער האט ער שוין נישט מורא פארן יצר הרע, האט ער געמאכט א הג"ה: אל תאמן בעצמך "עד זקנותך"! - משנה זיין א משנה? האט מען אים שוין געפרואווט, מען האט אים שוין געפרואווט![כה]

---

[כג] עי' ליקוטי הלכות הל' פו"ר הלכה ג' אות י'.

[כד] ליקוטי הלכות הל' הל' שבת ז' אות נ"ד.

[כה] עי' ירושלמי פ"א ה"ג, ועי' קב הישר פרק י"א.

❖

(אחד הנוכחים: ס'איז געווען ביי אונזערע לייט "ר' יצחק אייזיק יוסל", האט ער געזאגט צו ר' נתן'ען "ער האט נישט קיין מורא פונעם יצר הרע!"? ר' נחמן בורשטיין: פארוואס האט ער שוין נישט קיין מורא? ווייל ער האט געהאלטן 'מנא קרבא'!) **אוודאי אזוי!**

**ס'איז געווען א פורים, צומארגנס האט טאקע ר' נתן אים איבערגעפרעגט: "געדענקסט וואס דו האסט געזאגט נעכטן?", זאגט ער: "איך זאג היינט אויך אזוי!".**

ער האט געהאלטן די 'מנא קרבא' אין די הענט! אז מען האלט די 'מנא קרבא' אין די הענט, קען מען זיין זיכער אז מען וועט איינעמען!

מען דארף האלטן די 'מנא דקרבא' אין די הענט, נישט אפלאזן די 'כלי זיין' פון די הענט! וואס די 'כלי זיין' איז, ווייסן מיר!

האלטן די 'כלי זיין' אין די הענט, אפילו מען איז אן אלטער איד, האלטן די 'כלי זיין' אין די הענט - קען מען זיין זיכער אז ער וועט מנצח זיין!

(השואל: אויף אים האט ר' נתן געזאגט ער איז געווען אן אמת'ער 'נוטר הברית'?) **יא יא, ר' נתן איז ארויסגעקומען צו די לויה, ער איז נפטר געווארן בחייו.** (אחד הנוכחים: ער איז געווען ר' פנחס יהושע'ס טאטע, ער איז נפטר געווארן תקפ"ח, דאס איז פון די איינציגסטע יארצייטן וואס ר' נתן האט פארשריבן פאר זיך, "ר' יצחק אייזיק יוסף", "ר' שואל מטעפליק"), **יא.**

❖

אז מען זאל מקיים זיין דעם רבינ'ס עצות קען מען האפן אז מען זאל זיך האלטן ביזן סוף!

ס'איז א געוואלדיגע זאך, א מענטש דארף זיך האלטן אפילו ער איז שוין א איד פון 'ניינציג יאר', פון 'עטליכע און ניינציג יאר', דער בעל דבר שווייגט אים נישט, ער וויל אים - אפילו ער איז א איד א זקן וויל ער אים אויך פאקן!

און וואס'זשע איז די עצה? האלטן די 'כלי זיין'!

אויב דיר דאכט זיך אז ער האט דיר אפגעלאזט, זאלסטו וויסן ער האט דיר נישט אפגעלאזט! דעם בעל דבר'ס 'כלי זיין' איז אמאל - אז ער לאזט אפ א מענטשן, ער

זעהט אז ער אויב וועט אים נישט אפלאזן וועט ער דאך האלטן (מלחמה אנטקעגן), לאזט ער אים אפ, כדי יענער זאל מיינען ער האט אים שוין אפגעלאזט, ער זאל אים קענען געבן א קלאפ! אבער אז ער ווייסט "ער לאזט מיר נישט אפ" - (אז יוכל לעמוד כנגדו).

❖

# אתה ישן - והוא ער לך

א מדרש איז דא,[כו] א 'הונט' לייגט זיך אוועק לעבן די שטוב, ער מאכט זיך ווי ער 'שלאפט', ס'שלאפט דער הונט, מיינט דער בעל-בית ער שלאפט טאקע, נו ער גייט אוועק, כאפט ארוים דער הונט א ברויט, ער האט עס געטוהן נאר דערפאר אז דער בעל-בית זאל מיינען אז ער שלאפט, דעמאלט כאפט ער.

דאס איז אויך דאס אייגענע, דער יצר הרע לאזט נישט אפ דעם מענטשן, זאלסטו וויסן אז דער יצר הרע שטייט קעגן דיר אפילו דו ביסט אן ערליכער איד!

דיר דאכט זיך אז דו ביסט גארנישט שייכות צו אים, ער ווארט, ער לאזט אפ, ער מיינט - טאמער וועסטו זיך מסיח דעת זיין, דו וועסט מיינען אז דו מעגסט שוין אפלאזן די 'כלי זיין', וועט ער דיר געבן אזא מין קלאפ, אפילו אויף דער עלטער אויך, זאלסטו וויסן - דו זאלסט האלטן די 'כלי זיין' אין די הענט!

ס'איז דא 'כלי זיין', דער אויבערשטער זאל העלפן, 'אויפשטיין חצות' און 'התבודדות' און אלע עצות פונעם רבי'ן, איז גוטע 'כלי זיין' דאס, און אז מען האלט די 'כלי זיין' אין די הענט קען ער זיין זיכער אז ער וועט מאכן גוט!

נישט דערפאר ווייל 'ער' (בכוחות עצמו), נאר ווייל די 'כלי זיין' וועט אים מחזק זיין, דאס התקשרות צו דעם אמת'ן צדיק!

❖

[כו] בראשית רבה כ"ב ו'.

# עד זיבולא בתרייתא

דער רבי האט געזאגט אז "מען קען האבן גאוה פון א שיינע לויה!", א 'נפטר' ער האט א 'שיינע לויה' קען ער האבן דערפון אויך גאוה!

ביז דאס לעצטע 'לאָפּעטקע' וואס מען לייגט אריין אין די ערד ווייסט ער נאך נישט וואס טוהט זיך! קען ער נאך דארטן מרגיש זיין - אסאך מענטשן גייען נאך, און מען רעדט, און מען מאכט הספדים, און ער האט נאך דערפון דארטן גאוה! אין אזא סכנה איז ער! (השואל: אין קבר אדער פריער נאך?) "עד זיבולא בתרייתא!".[כז]

ער האט גאוה נאכן שטארבן, פון א שיינע לויה! (ר' נחמן בורשטיין: 'רש"י' זאגט דאך אז ביז מען לייגט אים אריין הערט ער אלעס) יא, "עד זיבולא בתרייתא!".

❖

# אחרי מות משה - עבד ה'

(ר' משה בינענשטאק: ס'איז דא א ווארט, אז ר' נתן האט געזאגט, אז מען קען זיך נאך מיישב זיין כל-זמן מען ליגט נאך אין די וועלט?) **"כל-זמן מען איז נאך אין די וועלט, אפילו מען איז שוין געשטארבן, קען מען זיך אויך נאך מיישב זיין!"**, נו.

(רמ"ב: וואס הייסט מען קען נאך - ס'האט זיך דאך שוין געענדיגט? וואס הייסט מען קען תשובה טוהן?) ס'איז דאך דא א ווארט פון רבי'ן, דער רבי האט אזוי געזאגט, אז מען גייט - באטש דארטן קען מען דאך נישט גיין 'מדרגא לדרגא', דארטן וואס איך האב - האב איך, אבער אז א מענטש ער גייט דא כסדר 'מדרגא לדרגא' - קען ער דארטן אויך גיין 'מדרגא לדרגא'![כח]

---

[כז] עי' מס' ברכות דף ח' ע"א.

[כח] כעי"ז בחיי מוהר"ן אות ט"ז: **אָמַר, שֶׁיֵּשׁ עֲבֹדוֹת כָּאֵלּוּ בְּזֶה הָעוֹלָם, שֶׁזּוֹכִין עַל יָדָם שֶׁגַּם בָּעוֹלָם הַבָּא יִזְכֶּה בְּכָל פַּעַם לַעֲלוֹת מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא וּלְהַשִּׂיג בְּכָל פַּעַם מַקִּיפִין חֲדָשִׁים.** ועי' ליקוטי הלכות הל' הכשר כלים ד' אות י"ז לענין הצדיק הגדול במעלה: ... כִּי עִקַּר הַחִיּוּת שֶׁנִּקְרָאִים חַיִּים בֶּאֱמֶת, **הוּא לְקַבֵּל וּלְהַמְשִׁיךְ תּוֹסְפוֹת רוּחַ חַיִּים דִּקְדֻשָּׁה מִלְמַעְלָה בְּכָל עֵת**, בִּבְחִינַת כִּי אֹרֶךְ יָמִים וּשְׁנוֹת חַיִּים וְשָׁלוֹם יוֹסִיפוּ לָךְ, 'יוֹסִיפוּ לָךְ' דַּיְקָא כַּנַּ"ל. וְזֶה אֵין זוֹכֶה בִּשְׁלֵמוּת, כִּי אִם הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁמְּקַיְּמִים כָּל הַתּוֹרָה בִּשְׁלֵמוּת בְּתַכְלִית הַמַּעֲלָה, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה יֵשׁ לָהֶם כֹּחַ לְקַבֵּל תּוֹסְפוֹת רוּחַ חַיִּים דִּקְדֻשָּׁה מִלְמַעְלָה בְּכָל עֵת ... וְהַצַּדִּיק הוֹלֵךְ בְּכָל פַּעַם מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא וּמַמְשִׁיךְ בְּכָל פַּעַם חִיּוּת מִבְּחִינָה גָּבֹהַּ יוֹתֵר ... **גַּם אַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ הוּא גַּם כֵּן עוֹלֶה וּמִסְתַּלֵּק בְּכָל**

דער רבי האט געזאגט אויף איינעם, גאר א גרויסן: "ער האט זיך אפגעשטעלט!" (השואל: ער באנייט זיך שוין נישט?) ער האט זיך אפגעשטעלט! אפגעשטעלט, הייסט ער האט זיך אפגעשטעלט זיך באנייען, יא.[כט]

אבער אז דער מענטש גייט דא כסדר 'מדרגא לדרגא', ער לאזט נישט אפ, גייט ער דארטן אויך 'מדרגא לדרגא'.

דער רבי טייטשט: "ויהי אחרי מות משה", איז אויך - "עבד ה'!", נאך די הסתלקות איז ער אויך עבד ה'.[ל]

אה, זיין זאך איז דאך נאר גראבן 'מדרגא לדרגא', נאר וואס דען - מען האט אים צוגענומען, אבער ער הערט דאך נישט אויף, גייט ער דארטן אויך!

❖

# איך?! גלייך צום רבי'ן!

(ר' נחמן בורשטיין: דאכט זיך ביי ר' נתן'ען איז געווען אזוי, מען האט נאך געקענט ר' נתן'ען עפעס - לקוברו עוד בערב שבת תיכף אחר הסתלקותו) יא, יא.

רבי נתן פלעגט בענטשן לעכט 'צוויי שעה' פאר שבת,[לא] [אפילו מיר פלעגן אויך, נישט ממש קיין צוויי שעה, אז דארטן איז דא פון די שקיעה ביז צאת הכוכבים 'צוויי

---

פַּעַם מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא גָּבֹהַּ יוֹתֵר בִּבְחִינַת יֵלְכוּ מֵחַיִל אֶל חָיִל, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל צַדִּיקִים אֵין לָהֶם מְנוּחָה וְכוּ'...

[כט] עי' ליקוטי הלכות הל' תפילין ה' אות ט': ...נִמְצָא, שֶׁיֵּשׁ צַדִּיקִים גְּדוֹלִים כָּל כָּךְ, שֶׁאֲפִלּוּ כְּשֶׁמַּגִּיעִים לַמַּדְרֵגָה הַגָּבֹהַּ שֶׁבַּמַּדְרֵגוֹת, שֶׁנִּדְמֶה שֶׁאֵין מַדְרֵגָה גָּבֹהַּ מִזּוֹ, אַף-עַל-פִּי-כֵן הֵם מִתְנַעְנְעִים וּמְבַקְשִׁים וּמְחַפְּשִׂים וּמַתְחִילִים מֵחָדָשׁ לְגַמְרֵי, כִּי מִי יוֹדֵעַ מַה שֶׁיֵּשׁ עוֹד, אַף-עַל-פִּי שֶׁהַשָּׂגָתָם וּמַדְרֵגָתָם שֶׁל עַתָּה בֶּאֱמֶת גָּבֹהַּ מְאֹד, אַף-עַל-פִּי-כֵן הֵם אוֹמְרִים, הֲלֹא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵין סוֹף, וּמִי יוֹדֵעַ מַה שֶּׁיְּכוֹלִים בָּזֶה הָעוֹלָם לְהַשִּׂיג עוֹד? עַל-כֵּן הֵם מַתְחִילִים בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ, עַד שֶׁבֶּאֱמֶת בָּאִים לְמַדְרֵגָה גָּבֹהַּ עוֹד יוֹתֵר, וְאַחַר כָּךְ אוֹמְרִים, מִי יוֹדֵעַ מַה שֶּׁיֵּשׁ עוֹד, וּמַתְחִילִים עוֹד מֵחָדָשׁ וְכוּ' וְכֵן לְעוֹלָם...

[ל] עי' חיי מוהר"ן אות תר"ב: ...נִמְצָא שֶׁהַצַּדִּיק הַגָּדוֹל הוּא עוֹבֵד אֶת ה' גַּם אַחַר מוֹתוֹ, כִּי הוּא עוֹסֵק גַּם אַחַר מוֹתוֹ לְהַעֲלוֹת נְשָׁמוֹת הַנְּפוּלוֹת מֵהַמְּקוֹמוֹת שֶׁנָּפְלוּ לְשָׁם וּלְהַחֲזִירָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וְזֶהוּ (יְהוֹשֻׁעַ א), וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת מֹשֶׁה עֶבֶד ה'. שֶׁגַּם אַחֲרֵי מוֹת מֹשֶׁה, הָיָה עוֹבֵד ה', כִּי מֹשֶׁה עוֹבֵד ה' גַּם עַתָּה אַחֲרֵי מוֹתוֹ, כִּי הוּא עוֹסֵק לְהַעֲלוֹת נְשָׁמוֹת הַנְּפוּלוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ...

[לא] עי' מג"א או"ח סי' רס"א סק"ט בשם הב"ח: וכן ראיתי זקנים ואנשי מעשה שפירשו ממלאכה ב' שעות קודם שבת. ועי' בדרכי משה על הטור שם סק"א.

און זיבעציג מינוט׳, און אמאל איז דא ׳פינעף און זיבעציג מינוט׳, נו און מען בענטשט דאך לעכט פאר די שקיעה, כאפט עס אזוי ׳אכציג מינוט׳, צו ׳פינעף און אכציג מינוט׳ (הדלקת הנרות לפני לילה)], און (ר׳ נתן) נאך פריער, נאך פריער.

אפילו ׳רחל׳ (בתו של ר׳ נחמן טולטשינער, אשת ר׳ צבי ווייסליב) פלעגט אויך בענטשן לעכט, איי וואס פרי, פרי פרי! פלעגט זי זאגן, אז אזוי האט זי געזעהן פונעם טאטן, דאס איז אלעם פון ר׳ נתן׳ען.

ממילא וואלט מען נאך געקענט נאך מאכן (הקבורה לפני כניסת השבת), נאר אזוי איז געוועזן, שוין, (ר׳ נחמן בורשטיין: ווער האט עס אפגעהאלטן?) מען ווייסט נישט ווער.[לב]

האט ׳רבי נפתלי׳ געזעהן ר׳ נתן׳ען די נאכט נאָך! (באותו ליל שבת, בחלום), ווי ר׳ נתן ׳לויפט׳, האט ער אים געפרעגט: ״וואו לויפסטו?״, (ענה:) ״**איך, גלייך צום רבי׳ן!**״.

איידער ער איז געקומען לקבורה איז ער שוין געוועזן ביים רבי׳ן, ״איך גלייך צום רבי׳ן!״

אזוי איז, ״לפי מה דמתדבק בר נש בהאי עלמא״ אזוי איז ער דארטן אויך![לג] ׳רבי נתן׳ אין דער וועלט איז ער נאר געוועזן - זוכן דעם אמת, און ער האט געגראבן אין רבי׳נס זאך, אין ׳מקרב זיין׳, איז ער שוין נכלל געווארן - איז ער דארטן אויך!

דארטן איז דא ׳מתנגדים׳, דארטן איז דא מתנגדים אויף די קדושה, אז א נפטר קומט אהינצו, דארטן איז דא אזעלכע חברה, קענען זיי אים אנרעדן רחמנא ליצלן, ״וואס דארפסטו גיין? ס׳איז גארנישט דא אין אים!״.

מען פירט אים אריין אינעם ׳עולם התוהו׳, יארן יארן, און ער גייט ארום מיט די ׳מזיקים׳ מיט ׳מלאכי חבלה׳, און ס׳דאכט זיך אים אז ער טוהט דארט נאך עבירות מיט נאך שלעכטס, און ביז ער קען דארט געוואויר ווערן אז ער איז שוין א נפטר...

❖

---

[לב] ועי׳ שו״ע יו״ד סי׳ שנ״ז ס״ב ובש״ך שם ״הממהר להוציאם הרי זה מגונה״ וכו׳.

[לג] עי׳ חיי מוהר״ן אות ק״א: ... וְהָעִקָּר תָּלוּי בְּזֶה הָעוֹלָם, שֶׁמִּי שֶׁהוּא חָזָק בְּזֶה הָעוֹלָם בֶּאֱמוּנָה בְּהִתְחַזְּקוּת הָאֲמִתִּית, יִזְכֶּה גַּם שָׁם לָזֶה, כִּי כְּפוּם מָה דְאִתְדַּבַּק בַּר נָשׁ בְּהַאי עָלְמָא כֵּן הוּא בְּעָלְמָא דְאָתֵי, וְאָז בְּוַדַּאי לֹא יוּכַל לִמְנֹעַ אוֹתוֹ שׁוּם מוֹנֵעַ מִלֵּילֵךְ לְהַצַּדִּיק גַּם מִשָּׁם...

# עולם התוהו

ס'איז א מעשה דא פונעם אר"י הקדוש,[לד] פון עפעס א 'גלגול', א 'דיבוק' דארטן, איינער איז אים אריין א 'דיבוק', ער האט גערעדט און גערעדט, ער איז אריינגעקומען צום אר"י, האט דער אר"י הקדוש גערופן "ר' חיים וויטאל" ער זאל גיין צו אים, ר' חיים וויטאל איז געקומען, האט ער אים געזאגט - ער דערמאנט אים דארטן "דו ווייסט ווער איך בין? דער און דער!", ער איז געווען גאר פון די גרויסע.

האט ער אים געזאגט: "פארוואס ביסטו געקומען דערצו?", האט ער אים דערציילט דארטן - דורך אן עבירה. (שאל): "שוין אזוי פיל יארן וואס דו ביסט, דו האסט נאכנישט קיין תיקון? 'משפט רשעים בגיהנם י"ב חודש' - נישט אזוי פיל יארן?!", זאגט ער אים (הדיבוק, לר' חיים): "דו ווייסט נישט קיין פשט דארטן, אז מען איז שוין אין גיהנם איז נאר י"ב חודש, אבער ביז מען קומט אריין דארטן קען אוועקגיין יארן מיט יארן!", 'עולם התוהו', 'עולם התוהו' איז פארן 'גיהנם'.

דער רבי האט דערציילט די מעשה פונעם 'רב' וואס איז געווען 'אכט און צוואנציג יאר' אין 'עולם התוהו'![לה] אכט און צוואנציג יאר געווען אין עולם התוהו!

(אחד הנוכחים: דער רבי ברענגט א מעשה מיטן מקורב צום ר' מענדעלע מוויטעבסק - בענין עולם התוהו) יא יא.[לו]

'לפי מה' דער מענטש איז זיך 'מתדבק בהאי עלמא', איז ער דארטן אויך!

קומען צום 'תיקון' - קומען צום 'שורש' וואס ער דארף קומען, אוי אוי אוי דארף מען האבן גרויס רחמים, גרויס רחמים!

❖

---

[לד] עי' שבחי האר"י ז"ל.

[לה] נדפס בספר כוכבי אור, מכת"י מהרב מטשעהרין ז"ל.

[לו] חיי מוהר"ן אות ק"א.

# יפה שעה אחת

דאס יא - וואס ער וועט דא מער טראכטן פון 'עלמא דאתי', מער טוהן אין די עצות פונעם רבי'ן, וועט ער גיכער קומען צום תיקון!

און 'דארטן' ווייזט מען ארויס (דעם חילוק) פון 'גיכער' ביז 'נישט גיכער'! דא - וואס קען מען דא פילן? אבער 'דארטן' - אפילו 'איין רגע גיכער', 'איין רגע גיכער' איז דארטן אזא מין געוואלד, א 'רגע' זיין גיכער צום אויבערשטן, א 'רגע' זיין גיכער צו דעם חיות פון דארטן! "איין רגע גיכער!", דא איז דאך א רגע גארנישט...

דער רבי זאגט דאך אין די תורה פון "כי מרחמם ינהגם"[לז], די 'השגות' דארטן, השגות פון 'תקופת הימים', דארטן איז די טעג נאר די 'השגות', א השגה פון א 'יאר', א השגה פון א 'טאג', אפילו פון א 'רגע'!

א השגה פון 'איין רגע' איז בעסער פון 'כל חיי עולם הזה', א 'השגת אלקות' פון 'איין רגע' איז אזא מין 'תענוג', אז די גאנצע 'חיי עולם הזה' זעהט זיך נישט אן קעגן 'איין רגע תענוג' פון דארטן!

❖

דער מענטש וואס איז זוכה אין דעם עולם אפילו נאר 'אפהיטן די צייט' - געוויינליך איז ער דארט נענטער צום תיקון!

מיר דארפן זיך פארלאזן אז דארטן פירט מען א 'ריכטיגן חשבון', דארטן איז דא א ריכטיגער 'רואה חשבון' (בוכהאלטער), און ס'ווערט נישט פארגעסן קיין שום 'נקודה טובה', און ווייטער דער 'שכר' אויך נישט!

דארף מען נאר זעהן, כל זמן מען איז אין דעם עולם - אזוי ווי דער רבי האט א זאג געגעבן:[לח] **"איר טוהט גוטס, די שלעכטס וועט אראפפאלן, די גוטס וועט בלייבן!"**.

---

[לז] ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ז' אות ו'.

[לח] עי' חיי מוהר"ן אות תמ"ז: פַּעַם אַחַת דִּבֵּר רַבִּי גֵּרְשׁוֹן מִטִּירָהאוֹוִיצֶע עִם רַבֵּנוּ ז"ל, וְקָבַל לְפָנָיו מְאֹד עַל אֲשֶׁר צַר לוֹ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם. עָנָה רַבֵּנוּ ז"ל וְאָמַר, אַתָּה עֲשֵׂה טוֹב וַעֲסֹק בַּעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת, וּכְשֶׁתַּעֲסֹק וְתַתְמִיד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ אֲזַי

זייט נאר מרבה 'בעשיית הטוב', וואס מען קען, כאפט 'צדקה', 'תפילות', 'תורות', 'לערנען', און 'גוטע רייד רעדן מיטן חבר', וואס מען קען! 'איין רגע' וואס איך קען נאך ארויסכאפן דא, איז דארטן אזא מין חשיבות, וואס בשום אופן קען מען נישט אין דעם עולם וויסן דאס טייערקייט פון דער 'רגע'!

❖

# "גרויסע פינעף מינוט"

ס'איז דא א מעשה, ר' נתן האט א זאג געגעבן: "**גרויסע פינעף מינוט!**", גרויסע פינעף מינוט!

ר' נתן האט א זאג געגעבן אמאל צו ר' נחמן טולטשינער, ס'איז געווען פאר לעכט בענטשן, ער האט זיך זייער געאיילט, רבי נתן האט אוועקגעלייגט די האנט ביי די מזוזה, און געזאגט: "**נחמן, ס'וועט זיין 'פינעף מינוט' זאלסטו מיר זאגן!**".

ס'איז געווען פאר לעכט בענטשן, ר' נחמן האט זיך אזוי געאיילט דארטן צו צוגרייטן די שטוב ביי ר' נתן אלעס, האט ער געקוקט אזוי אלע מאל, געכאפט געקוקט אויפן זייגער, צו ס'איז שוין 'פינעף מינוט', יעדע רגע איז געווען טייער. ביז ס'האט זיך געענדיגט די 'פינעף מינוט' - האט ער א זאג געגעבן ר' נתן'ען.

(אז אמר מוהרנ"ת:) "**נחמן, גרויסע פינעף מינוט!**", "**נחמן, גרויסע פינעף מינוט!**".

אונזערע לייט פלעגן דאס רעדן, אז בשעת דער מענטש איז אזוי אין א ענגשאפט, און ער דארף ארויסכאפן 'פינעף מינוט', איז עס ביי אים עפעס אזוי '**גרויסע פינעף מינוט**'!

(ר' נחמן בורשטיין: וואס איז דאס געווען, ס'האט אים אויסגעפעלט צום 'התבודדות'?) **וואס ס'איז געווען - ווייס איך נישט**, (ר' נחמן בורשטיין: איך האב געהערט אז ס'האט אים אויסגעפעלט) **דאס איז אלץ פירושים, איך קען זאגן מיינע 'סברות', אבער זאגן אז "דאס איז עס"?**

(ר' נחמן: איר האט נישט געהערט?) **ניין! איך האב דעם 'דיבור' אסאך מאל געהערט, און איך האב געהערט אז דאס וואס מען זאגט אז דאס** (איז געווען ווייל ס'האט נאך

---

הַטּוֹב יִשָּׁאֵר וְהָרַע מִמֵּילָא יִתְבַּטֵּל וְיִפּוֹל, "דוּא טוּא אִין יוּדִישְׁקַייט, גִיטְס וֶועט בְּלַייבְּן אוּן שְׁלֶעכְטְץ וֶועט מִמֵּילָא אַרָאפּ פַאלְן".

געפעלט צו התבודדות) איז נאר א 'פירוש', מען ווייסט נישט פארוואס, איך קען זאגן סברות, אבער נישט אז "דאס איז עס".

❖

# אויסגעקוועטשט פונעם קליינעם פינגער

דער רבי האט א זאג געגעבן ר' נתן'ען, אז "ער זאל אלע טאג מחדש זיין חידושים", אלע טאג! ס'איז געווען א 'ציווי' פונעם רבי'ן.

איז געווען אמאל א טאג, ר' נתן האט נישט געהאט קיין שום חידוש, ער האט נישט געהאט וואס צו מחדש זיין, איז ער ארויס אין פעלד, האט ער אזוי געזאגט: **"האב איך אויסגעקוועטשט א חידוש פונעם קליינעם פינגער!"**.

וואס איז דער פשט? אזוי, אז ער האט געהאט א ציווי פונעם רבי'ן, מוז ער אלע טאג מחדש זיין, ער מוז מחדש זיין! געוויינליך - די חידושים איז נישט געווארן אזוי פון סתם - פון רוב התבודדות איז געווארן חידושים, חידושים גייען ארויס פון 'מח', פון 'הארץ', אבער אמאל ס'איז נישטא, איז "פונעם קליינעם פינגער האב איך אויסגעקוועטשט", איך האב געמוזט מחדש זיין, ס'איז א ציווי פונעם רבי'ן, איך מוז!

דאס איז אויך דאס אייגענע, ווען מיר זאלן האלטן יעדן דיבור פונעם רבי'ן חשוב, אפילו ער קען נישט מקיים זיין די עצה, נאר ער מוז אויסקוועטשן עפעס, קוועטש אויס! נאר די זאך מוז זיין!

ס'איז א 'ציווי' - מוז זיין די זאך, אפילו דו וועסט דאס אויסקוועטשן פונעם קליינעם פינגער עפעס - מוז עס זיין!

אמאל העלפט דער אויבערשטער, ווערט עס אמאל פון 'קאפ', פון 'הארץ', נאר אפילו נישט, ס'איז פונעם 'קליינעם פינגער', דאס איז א מין דיבור - אפילו ס'איז נאר דא פונעם 'קליינעם פינגער' אליין, אבער פון דארטן קוועטש אויס, עפעס זאל בלייבן, עפעס זאל זיין!

האלטן זיך אינעם צדיק'ס דיבורים און זיינע עצות - מוז מען האבן דעם דיבור: אפילו פונעם 'קליינעם פינגער', אבי מקיים זיין די זאך, אפילו פונעם קליינעם פינגער!

ס'איז א מין משל - אז ס'איז נישט אזוי 'הויך', אזוי 'גרויס', אבער 'עפעס' איז דאך עס אויך, ס'איז נאך בעסער ווי גארנישט, עפעס איז דאך עס!

(ר' נחמן בורשטיין: לא נהניתי אפילו 'באצבע קטנה'!) יא, שטייט ביי 'רבינו הקדוש'.[לט]

❖ ❖ ❖

# "איצטער הערט ער"

(רמ"ב: ווי האט מען זיך געפירט מיט קליינע קינדער פאר דריי יאר, מען האט געלערנט מיט זיי? מ'זאגט אז ס'איז א מחלוקת דער מדרש תנחומא, דער גאון, ס'איז דא וואס גיבן אכטונג נישט לערנען פאר דריי יאר, און ביי די ליטוויקעס וויפיל מער, וואס פריער מען קען ארייפאקן פאקן זיי אריין), ווען? פאר די דריי יאר?! (רמ"ב: יא, 'אלף בית' אדער וואס).

(א' הנוכחים: וואס איז דער דיבור פון אונזערע לייט: "איצטער הערן זיי"!) יא דאס איז עפעס אנדערש, ס'פלעגן זיך פירן אונזערע לייט, מען פלעגט אויפשטיין ביינאכט, און שטיין ביים 'וויגעלע' האבן התבודדות און לערנען, פלעגט זי אים זאגן דארט - די רביצן זיינע: "וואס, ער הערט דען?", (ענה:) "איצטער הערט ער! שפעטער וויים איך נישט צו ער וועט מיך הערן, אבער איצטער הערט ער יעדעס ווארט!", "איצטער הערט ער".[מ]

(ר' משה בינענשטאק: אבער אזוי 'לערנען' האט מען אכטונג געגעבן טאקע ביי אונזערע לייט?) נע, ווי קען מען פאר דריי יאר?! וואס קען דער קינד פאר דריי יאר - ענטפערן א 'אמן' אין שטוב!

---

[לט] עי' כתובות דף ק"ד ע"א. [ועי' בחיי מוהר"ן אות ש', לשון רביז"ל: הֲלֹא גַּם מִי שֶׁנּוֹגֵעַ בּוֹ אֲפִלּוּ 'בְּאֶצְבַּע קְטַנָּה' אֵין לְשַׁעֵר מַעֲלָתוֹ וכו'].

[מ] עי' אבות פ"ב ח' ברע"ב ד"ה 'אשרי יולדתו': ומיום שנולד (ר' יהושע בן חנניא) לא הוציאה עריסתו מבית המדרש כדי שלא יכנסו באזניו אלא דברי תורה.

דער לשון פון חז"ל:[מא] די ערשטע דריי יאר איז 'ערלה', און דערנאך 'נטע רבעי'! און נאכדעם "ספי ליה כתורא".[מב]

אז ס'איז 'ערלה' איז דאך גארנישט, ווייזט אוים פון דאס לשון אליין אז מען דארף אים נישט טשעפען פאר די דריי יאר.

פארוואס איז אויך די 'חאלאקע' נאך די דריי יאר? ווייל ביז דריי יאר לאזט מען אים, לאזט מען אים!

(רמ"ב: מען האט אכטונג געגעבן נישט שניידן די האר פריער?) נישט שניידן, (כאן לא נשמע ברור) מיר הויבן אן פון דריי יאר.

❖ ❖ ❖

# ראש תוך וסוף...

(חסרה ההתחלה) - - - אוודאי, 'אמת' איז 'ראש תוך סוף', אל"ף מ"ם תי"ו.[מג] אז מען הייבט אן פון דעם אנהויב דעם 'אמת' אזוי ווי ער דארף זיין, דער 'אנהויב' און 'אינדערמיט' און דער 'סוף'. אבער אז מען דערמאנט זיך אויף דער עלטער, אז ס'איז שויןביים 'סוף' - איז אויך גוט, איז כאטש דער סוף 'אמת'.

אפילו מען דערמאנט זיך ביי 'שמע קולינו', דארף מען אויך דעמאלט אנהויבן צוהערן זיך צום דאווענען!...

אוודאי, אז דער אויבערשטער העלפט, אז דער 'אמת' איז באלד - א 'קדוש מרחם אמו', ס'איז באלד פון די 'אל"ף' - אוודאי (מעולה יותר), אבער 'ווען' מען האט זיך דערמאנט - אז מען דערמאנט זיך שוין ביי דעם 'תי"ו' איז אויך גוט!

---

[מא] עי' מדרש תנחומא קדושים י"ד: וּנְטַעְתֶּם וַעֲרַלְתֶּם. הַכָּתוּב מְדַבֵּר בְּתִינוֹק, שָׁלֹשׁ שָׁנִים יִהְיֶה לָכֶם עֲרֵלִים, שֶׁאֵינוֹ יָכֹל לֹא לְהָשִׂיחַ וְלֹא לְדַבֵּר, וּבַשָּׁנָה הָרְבִיעִית יִהְיֶה כָּל פִּרְיוֹ קֹדֶשׁ, שֶׁאָבִיו מַקְדִּישׁוֹ לַתּוֹרָה...

[מב] עי' מס' כתובות דף נ' ע"א: בר שית קביל וספי ליה כתורא.

[מג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קי"ב.

ווארום, ס'איז דא איינער וואס ער גייט אוועק, און ער האט זיך קיינמאל נישט דערמאנט פונעם 'אמת', ער האט קיינמאל נישט געטראכט פונעם 'אמת'! דארף ער אלץ 'התחזקות'!

עס שטייט דארט ביי 'שמחת בית השואבה',[מד] די האבן געזאגט 'אשרי ילדותנו שלא ביישה את זקנותנו', און די - 'אשרי זקנותנו שכפרה את ילדותנו', זעהט מען דאך אז די 'זקנים' האבן אויך געמאכט גוט, 'כפרה את ילדותנו'.

אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען זאל האבן א גוטן עלטער, קען מען אויך מאכן גוט!

יעדער איינער זאל וויסן 'היום', היינטיגער טאג! דער איז א 'דרייסיגער', דער איז א 'זיבעציגער', דער איז א 'אכציגער', היום, היינט!

דער 'דרייסיגער' זאל נישט זאגן אז "איך וועל אנהויבן ביי זיבעציג", דער זיבעציגער זאל נישט זאגן "אוי, וואו נעמט מען דעם דרייסיגער?!", ער קען שוין דעם 'דרייסיגער' נישט נעמען - אבער דעם 'זיבעציגער' קען ער נאך!

(רמ"ב: נו וואס קען טוהן אזא איינער טאקע?! א יונגער קען נאך איבערדרייען) מען קען! מען קען! מען קען אזוי פיל מאכן גוט אויף דער עלטער, אז מען זאל פאררעכטן אפילו די 'ימי יניקה' אויך,[מה] אזוי פיל קען מען מאכן גוט, מען קען! אז מען זאל האבן נאר שכל, מען זאל האבן שכל קען מען מאכן גוט!

אז איינער איז זיך 'מגייר' - ביי 'זעכציג יאר' מגייר... און אז איך האב זיך נישט מגייר געווען?! איך בין געווען א 'נימול לשמונה', און געבוירן געווארן ביי 'טהרת המשפחה', איז מיר בעסער ווי א גר וואס איז זיך מגייר ביי זעכציג יאר!

❖

[מד] מס' סוכה דף נ"ג ע"א.

[מה] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קע"ט.

# מצוה שקבלו עליהם בשמחה

איך בין געווען ביי א ברית פון א גר פון 'זעכציג יאר', פון 'לאדיזין', ער איז געווען א רייכער, אבער די רוסן האבן אלץ אים צוגענומען, איז ער אלט געווען 'פיר און זעכציג יאר', א הויכער, א גיבור.

ער איז געקומען אין אומאן, דארטן האט מען אים מגייר געווען, ביי אונז, אלע האבן מורא געהאט, ווייל מגייר זיין דארט אין רוסלאנד - האט מען געקענט געבן גרויסע עונשים, נאר אין ברסלב איז דאך אלעס, איז געקומען דער גר, ער האט זיך צוגעטשעפעט צו אונז, "ער וויל זיך מגייר זיין", - מען האט נישט אזוי גיך מגייר געווען, ס'איז געווען דארטן א בית-דין, מען האט אים מגייר געווען.

און איך בין געווען אויף זיין ברית, א מענטש פון 'פיר און זעכציג יאר', דער מוהל איז געווען אונזער א מוהל, א גוטער מוהל, מאכן אזא מין ברית - דארף זיין דארטן א 'דאקטער', האט ער אים געוואלט בינדן, זאגט ער: "איך האב זיך אליין געבונדן, איר דארפט מיך נישט בינדן, איך בינד זיך אליין!".

און דער מוהל האט זייער מורא געהאט, ער האט אים אנגעזאגט: "איר זאלט ליגן עטליכע טעג, איר זאלט זיך נישט רירן פונעם ארט!", און ביי אונז פלעגט מען זיך פירן נאכן ברית איז מען געגאנגען באלד א 'ריקוד', איז ער אראפ פון בעט און אריין אין ריקוד אריין... האט דער מוהל געשריגן: "געוואלד, ער וועט עס נישט אויסהאלטן! וואס טוהסטו?!".

מען האט אים נישט געקענט איינהאלטן, די שמחה וואס אין דעם גר איז געווען - וואס ער איז שוין א גע'מל'עטער - איז 'אין לשער ואין להעריך' וואספארא שמחה ער האט געהאט!

און דעמאלט איז געווען א הונגער אין אומאן, ס'איז נישט געווען וואס צו עסן, ס'איז אוועקגעגאנגען א גאנצע וואך און מען האט זיך נישט געוואשן אויף קיין 'כזית', האט ער געבראכט מיט זיך א פיר 'עסן' פון לאדיזין, א פיר מיט 'ברויט', מיט אלעס, און אסאך מענטשן פון שטאט זענען אריינגעקומען, זיי ווילן עפעס עסן, מען זאל אים נאר אריינעמען צום ברית!

און ס'איז געווען א 'שמחה' מיט א 'גדולה', און ער האט געטאנצט מיט אונז צוזאמען, ער האט גארנישט געקוקט אויף זיך, די שמחה וואס ער האט אין זיך, "ער איז שוין א איד", "ער איז שוין א גע'מל'עטער"! ווי קען מען דאס אויסמאלן אין דער וועלט?!

❖

# אלט טאר מען נישט זיין

און ברוך השם, אז מיר זענען א 'נימול לשמונה' און 'טהרת המשפחה' פון יום הלידה, דארף מען דאך אוודאי זיין פריילעך!? דער תירוץ איז: די 'התחדשות' פעלט אונז! ביי אים איז געווען 'התחדשות', "איך בין נאר-וואס געווארן א איד!".

דערפאר האט דער רבי פיינט געהאט אן 'אלטן' - אן 'אלטן למדן', אן 'אלטן צדיק', אן 'אלטן חסיד', "אלט האב איך פיינט"! 'ניי'![מו]

מען זאל טאקע זיין ניי, קען מען האבן א גוטן עלטער, און מ'זאל פאררעכטן!

אט דאס איז אינגאנצן אונזער זאך - "מיר זאלן זיך באנייען", דאס איז אינגאנצן דעם רבי'נס זאך, 'התחדשות', באנייען זיך!

דעם דאכט זיך "ער איז שוין א חסיד אזוי פיל יארן", אזוי פיל יארן, - היום! היינט!

❖

# אני היום ילדתיך

עס שטייט פונעם רבי'ן ר' אלימלך, רבי אלימלך האט אזוי געזאגט: אז 'צדיקים' - יעדן טאג זענען זיי מוסיף מערער, למשל - נעכטן האט ער געהאלטן ביי דער מדריגה, און היינט מוז ער האלטן ווייטער, מוז ער האלטן ווייטער ווייטער, ער הויבט

---

[מו] עי' שיחות הר"ן אות נ"א: "גַּם אֵין טוֹב לִהְיוֹת זָקֵן, הֵן חָסִיד זָקֵן, וְהֵן צַדִּיק זָקֵן, זָקֵן אֵין טוֹב, כִּי צָרִיךְ רַק לְהִתְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל בְּכָל עֵת מֵחָדָשׁ". ובעלים לתרופה מכתב שע"ג: "...וְהָעִקָּר שֶׁתִּזָּהֲרוּ לְקַיֵּם מַה שֶּׁהִזְהִיר מְאֹד שֶׁאָסוּר לִהְיוֹת זָקֵן, וְהֵרִים קוֹלוֹ הַקָּדוֹשׁ וְקָרָא בְּקוֹל גָּדוֹל וְאָמַר "אַלְט טָאר מֶען נִיט זַיין" וְכוּ', כַּנִּדְפַּס מִזֶּה קְצָת".

אן ביי וואס ער האט געהאלטן נעכטן, ביי וואס ער האט נעכטן געענדיגט - הויבט ער אן היינט, און ער איז 'מוסיף'!

אבער 'משיח' וועט אלע טאג ווערן 'ניי געבוירן', ער וועט נישט אנהויבן ביי וואס ער האט נעכטן געענדיגט, ער וועט אנהויבן גלייך ווי ער איז 'ניי געבוירן', און מער ווי נעכטן!

ער וועט אזוי פיל מאכן היינטיגן טאג - נישט ער הויבט אן וואו ער האט נעכטן געענדיגט, ניין! ער הויבט אן ביים אנהויב, 'אני היום ילדתיך', און ער וועט אזוי פיל גיין - מערער ווי נעכטן!

❖

(רמ"ב: וואו האט מען געזאגט - "אזא 'דאוועגען' ווי ר' נתן האט מען געזעהן, נאר אזא 'תהלים' האט מען נישט געזעהן"?) **יא, אין גאליציע!**[מז]

❖

# אל תבט אל מראהו

(רמ"ב: ווי אזוי האט ר' נתן געזאגט, מיין שווארצער האט א "שענערער פנים", אדער - מיין שווארצער איז "פרימער"?) **מען האט אים בארימט דעם הדרת פנים פון איינעם, ער האט אזוי געזאגט: "מיין 'שווארצער' האט מער 'הדרת פנים' פון יענעם!".**[מח]

מען רעדט פון 'הדרת פנים', און ער איז דאך געווען א 'שווארצער', ער איז דאך נישט קיין 'הדרת פנים', האט געפאסט דער ווארט - מיין "שווארצער" האט מער "הדרת פנים".

א טייל זאגן טאקע "פרימער", איך ווייס וואס דו פרעגסט, אבער ס'איז נישט ריכטיג, ווייל מען האט גערעדט דארטן (מהדרת פנים).

(ר' נחמן בורשטיין: איך האב געהערט פון אייך, אז ר' חייקל'ס זון האט זיך אנגערופן אויף א מפורסם, אז ער איז דער פרומסטער פון אלע! האט זיך ר' נתן אנגערופן, "מיין שווארצער איז פרומער פון אים!", דאס האב איך געהערט פון אייך), **יא, אזוי זאגן זיי. ס'קען זיין ס'איזביידע אמת.**

---

[מז] עי' שיש"ק הנדמ"ח ח"ב אות תנ"ה.

[מח] הכוונה על ר' נחמן ב"ר עוזר ז"ל מתלמידיו החשובים של מוהרנ"ת ז"ל.

ווייל ער האט געהאט טאקע א גרויסן 'הדרת פנים' יענער - דער וואס מען האט גערעדט פון אים, האט מען אים געלויבט פארן 'הדרת פנים', "ער האט א הדרת פנים", און ער (ר' נחמן ב"ר עוזר) איז נישט געווען קיין שיינער, אזוי ווי די גמרא זאגט דארט ביי ר' יהושע בן חנניא,[מט] ממילא פאסט דאס ווארט "ער האט מער הדרת פנים", - כאטש ער איז א 'שווארצער', ער איז נישט קיין שיינער.

נאר דאס פון 'פרומקייט', קען אויך זיין ס'איז ריכטיג, קען זיין.

הכלל, דער עיקר איז אזוי, מען זאל נישט נתפעל ווערן פון דעם 'הדרת פנים', און פון די אלע זאכענישן!

❖

# הנה עין ה' אל יראיו

איך האב געזעהן ס'שטייט פון "ר' הערשעלע זידיטשובער", ער איז געווען א תלמיד ביים חוזה, האט ער אזוי געזאגט: **אין המלך נושע ברב חיל**, דער 'מלך' מיינט דעם רבי'ן, 'חיל' - אסאך חיילים, ער ווערט נישט געהאלפן טאמער האט ער אפילו אסאך טויזענטער חסידים - ווערט ער נאך נישט געהאלפן דערמיט, 'גיבור' - דער 'מתגבר על יצרו', **'לא ינצל'** - ער ווערט נאך נישט געהאלפן מיט קיין **'רוב כח'! 'שקר הסוס'** - ער שלאפט ווינציג (שינת הסוס), **'לתשועה'** - ער ווערט נאך אויך נישט געהאלפן, **וברוב חילו** - ער האלט זיך פאר א גאנצער בעל צדקה - **לא ימלט! עיני ה'**, נאר - **אל יראיו**, דער אויבערשטער וויל נאר **"יראיו"!**

א מענטש זאל זיך איינרעדן זיך אז די סאך חסידים וועט מיר מאכן גוט, אדער ווינציג שלאפן, "נאר יראיו"! דער אויבערשטער וויל נאר די 'יראיו'.

(ר' נחמן בורשטיין: די אלע זאכן העלפט אויכעט!) **יא יא, אבער נישט דאס אליין איז! דאס אליין דארף נאר צופירן צום 'יראיו', ער זאל זיין א 'ירא'!** (כאן חסר קצת)

❖ ❖ ❖

---

[מט] עי' מס' תענית דף ז' ע"א.

# בן ותלמיד

(חסרה ההתחלה, כנראה מדבר על-פי תו' ס') - - - **א זון און א תלמיד, ביי "ר' שמעון" איז געווען 'מורא שמים', "ר' אלעזר" - 'מורא אב', און "ר' אבא" - 'מורא רבך'.[ג]**

**דערפאר טאקע, ר' שמעון תמיד רופט אים - ר' אלעזר'ן, "אלעזר ברי".**

**איך האב גערעדט אמאל מיט ר' אלחנן** (ספעקטור ז"ל)**, זאגט ער 'ברי' דאס איז דער 'בן', 'ברי' איז מער טיטול פון אלעס, נאר "אלעזר ברי", דאס איז א 'בן', "ר' אבא" - אליך רופט ער מיטן "רבי", ביי אים איז געווען שלימות היראה! א 'רבי' א 'זוהן' מיט א 'תלמיד' - איז שלימות היראה, די דריי 'קוי היראה'.**

(ר' נחמן בורשטיין: "ר' אלעזר" איז געווען 'כלליות בן ותלמיד' אויך?) **דאס איז א באזונדערע זאך.**

**דערפאר האט דער רבי געזאגט טאקע אז ער האט געוואלט זייער האבן א 'זון'.**

**ביים אר"י הק' איז דער זון אוועקגעגאנגען יונג, צען יאר אלט געווען דער זוהן ווען ער איז אוועקגעגאנגען.**

(רמ"ב: דער רבי האט געזאגט "ער זאל האבן א זון אפילו ער זאל נאר גיין אין שוהל" -) **"נאר מיטן טלית ותפילין אין די האנט, אבי א זון!".**

❖

[ג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ס' אות ד': וּשְׁלֵמוּת הַיִּרְאָה, הִיא בִּבְחִינַת שָׁלֹשׁ קַוִּין. בְּחִינַת 'מוֹרָא שָׁמַיִם', 'וּמוֹרָא רַבָּךְ', 'וּמוֹרָא אָב וָאֵם'. וּכְשֶׁיֵּשׁ חֲכַם הַדּוֹר שֶׁזּוֹכֶה לְתַלְמִידִים הֲגוּנִים, וּלְבָנִים הֲגוּנִים, אֲזַי הַיִּרְאָה בִּשְׁלֵמוּת. כִּי יִרְאַת הֶחָכָם וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר, הוּא בְּחִינַת 'מוֹרָא שָׁמַיִם'. וְהַתַּלְמִידִים, יֵשׁ לָהֶם יִרְאַת הָרַב, בְּחִינַת 'מוֹרָא רַבָּךְ'. וְהַבָּנִים, יֵשׁ לָהֶם 'מוֹרָא אָב וָאֵם'. שֶׁעַל־יְדֵי שָׁלֹשׁ יִרְאוֹת אֵלּוּ, הַיִּרְאָה בִּשְׁלֵמוּת. ושם בסוף התו': וְזֶה, פָּתַח רַבִּי שִׁמְעוֹן וכו', קָרָא לְרַבִּי אֶלְעָזָר בְּרֵהּ וְכוּ' וּלְרַבִּי אַבָּא, וְאָמַר: אֲנַן כְּלָלָא דְכֹלָּא. הַיְנוּ בְּחִינַת שְׁלֵמוּת הַיִּרְאָה, שֶׁהוּא עַל יְדֵי בְּחִינַת שְׁלֹשָׁה קַוִּין הַנַּ"ל. בְּחִינַת: 'מוֹרָא שָׁמַיִם', 'וּמוֹרָא הָרַב', 'וּמוֹרָא אָב וָאֵם'. נִמְצָא, שֶׁעַל יְדֵי רַבִּי שִׁמְעוֹן, וְרַבִּי אֶלְעָזָר בְּנוֹ, וְרַבִּי אַבָּא תַּלְמִידוֹ, נִשְׁלָם הַיִּרְאָה...

# חצות לילה אקום

(רמ"ב: ר' נתן האט זיך געפירט, אז ער האט געהאט מיט וועמען צו רעדן, האט ער גערעדט ביז פאר חצות, און די לעצטע פינעף מינוט האט ער זיך אראפגעלייגט?) נישט ער האט זיך 'געפירט', ס'איז 'געווען' אמאל אזוי.

ער האט געהאט א ברכה פונעם רבי'ן, "ווען ער לייגט זיך - זאל ער שוין שלאפן!", און ר' נתן האט געוואלט מקיים זיין 'אקום', (- "חצות לילה אקום"), "אויפשטיין חצות", אביסעלע שלאפן פריער, אז ס'האט זיך געמאכט אז ס'איז געווען אורחים חשובים, ער האט געדארפט רעדן, האט ער גערעדט, פאר 'חצות' האט ער געכאפט עפעס א דרימל און שוין אויפגעשטאנען!

(כאן חסר קצת ההמשך)

❖

טאקע אין די תורה וואס מ'לערנט היינטיגע שבת - תו' ס"ב,[נא] מעלה זיין דעם דיבור איז דורך תענית - זאגט דער רבי. ברענגט ר' נתן אין די הלכה:[נב] דערפאר האט דער רבי מזהיר געווען אז מ'זאל נישט עסן פארן דאווענען, מ'דארף דאך מעלה זיין דעם דיבור, איז כאטש 'תענית' ביז נאכן דאווענען, דורך די 'תענית שעות' איז מען מעלה דעם דיבור, און מען קען האבן א דיבור צום דאווענען!

אז מיר עסן נישט פריער, פאסטן מיר פארן דאווענען, אפילו טיי טרונקט מען אויך נישט,[נג] איז מען מעלה דעם דיבור - צו האבן א דיבור צום דאווענען.

(גם כאן חסר קצת).

[נא] עי' אות ה': וּלְהַעֲלוֹת נִיצוֹצֵי הַדִּבּוּר, צָרִיךְ לְתַעֲנִית.

[נב] עי' ליקוטי הלכות השכמת הבוקר ג' אות ה': ... וְעַל-כֵּן אָסוּר לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת קֹדֶם הַתְּפִלָּה, כִּי צְרִיכִין לְהַרְעִיב עַצְמוֹ קֹדֶם הַתְּפִלָּה, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת תַּעֲנִית שָׁעוֹת, שֶׁבְּכָל יוֹם מַרְעִיבִין עַצְמָן וּמִתְעַנִּין קֹדֶם הַתְּפִלָּה ... כִּי צְרִיכִין בְּכָל יוֹם קֹדֶם הַתְּפִלָּה לְהַרְעִיב עַצְמוֹ לְהַמְשִׁיךְ בְּחִינַת תַּעֲנִית כְּדֵי לְתַקֵּן הַדִּבּוּר שֶׁל הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת תִּקּוּן וְקֻשְׁיוֹתֵי הָאֱמוּנָה וְכוּ' כַּנַּ"ל, כַּמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל, עַיֵּן שָׁם...

[נג] עי' שיחות הר"ן אות רע"ז: אָמַר, שֶׁמֵּעוֹלָם לֹא שָׁתָה אֲפִלּוּ מַיִם קֹדֶם הַתְּפִלָּה, וְהִקְפִּיד מְאֹד עַל אֵלּוּ הַשּׁוֹתִין קַאֱוֶוע וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה קֹדֶם הַתְּפִלָּה.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **יהוסף**
**שווארטץ** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו**
**למזל טוב**

מוה"ר **מאיר יואל**
**האס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו**
**למזל טוב**

מוה"ר **אשר אנשיל**
**שטערנפעלד** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**ימלא ה' כל משאלות לבו**
**לטובה**

מוה"ר **עקיבא**
**עהרמאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בתו**
**למזל טוב**

מוה"ר **נחמיה ווייס** הי"ו
בארא פארק
לרגל שמחת אירוסי בתו עב"ג החתן כמר **שמואל הכהן ראטה** הי"ו
**למזל טוב**

לעילוי נשמת מרת
**רוחמה שרה** ע"ה ב"ר
**יצחק** הי"ו
י"ב שבט תשע"ט